# עולת שבת בשבתו

**כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

**בעזהשי"ת** | **פרשת תזריע – החודש** | **שנת תשע"א לפ"ק**


## מילי דחסידותא

**אשה כי תזריע:** במדרש הה"ד אחור וקדם צרתני, זכה אומרים לו אתה קדמת לכל מעשי בראשית, לא זכה אומרים לו יתוש קדמך וצ"ב.

ענטפערט **כ"ק מרן רבינו הגה"ק זצ"ל** אין **ספה"ק ברך משה** (בפרשתן) אז דער מדרש קומט דא מעורר זיין איבער דאס חשיבות פון אויפשטיין פארטאגס און מקדים זיין את השחר מיט לימוד התורה, ווייל יעדע טאטע און מאמע ווען עס איז **וילדה זכר** און עס ווערט געבוירן א קינד ווילן זיי אז דאס קינד זאל אויסוואקסן א ערליכער איד, זאגט דער מדרש **זכה**, אויב איינער איז זוכה, איז **אתה קדמת לכל מעשי בראשית**, שטייט ער אויף פריער ווי אלע באשעפענישן אויף די וועלט, ווייל ער איז מעיר השחר און איז עוסק בתורה, **לא זכה**, אויב א מענטש איז נישט זוכה און ער בלייבט שלאפן ביז אין טאג אריין, **אומרים לו יתוש קדמך**, אפילו די קליינע שרצים און מורישקעס זענען שוין אויפגעשטאנען און יעדער איז שוין עוסק בעבודתו און נאר דו שלאפסט.

*

**ואם לא תמצא ידה די שה ולקחה שתי תורים או שתי בני יונה אחד לעולה ואחד לחטאת.** הנה שה בגימטריא **היצר**, וזה"פ **ואם לא תמצא ידה די שה**, היינו שאם האדם אין לו כח לנצח את היצר הרע, על זה אמר הכתוב **ולקחה שתי תורים**, שתי התורים הוא התורה, כדמצינו במדרש בתורים בשתי תורות שבכתב ושבעל פה, והיינו שניצוח היצר הרע הוא על ידי עסק התורה, כמאמר חז"ל (קידושין ל' ע"ב) אם פגע בך מנוול זה משכהו לבית המדרש, **או שני בני יונה** הוא מצות תפילין שנמשלו ליונה **אחד לעולה ואחד לחטאת**, היינו שאחד לחטאת לכפרה, ואחד לעולה להעלות אותו אותו לקדושה (כנסת יחזקאל)

## דרש דרש

**וראהו הכהן והנה הנגע לא הפך את עינו:** דער **רבי זי"ע** ברענגט אין **דברי יואל** אז ווען דער כהן איז מטהר א נגע, דעמאלטס ווערט נתחלף די אותיות פון **נגע** און עס ווערט ענג. (אזוי ווי די ווארט צרה ווערט רצה, פשע ווערט שפע עי' דבר"י פר' בא) מיט דעם טייטשט מען דעם פסוק **והנה הנגע לא הפך את עינ"ו**, אז דער ע' פון **נגע** איז נישט איבערגעדרייט געווארן פון סוף ווארט צום אנהויב ווארט אז ס'זאל ווערן ענג. טייטשט דער **רבי זי"ע** דעם מאמר **ישועת ה' כהרף עין**, די ישועה פונעם אייבערשטן קומט דורכן אויפטווישן דעם עין.

מיט דעם טייטשט דער **הייליגער רבי הערשעלע זידיטשוב'ער זי"ע** וואס מיר זאגן אין די זמירות (ליל שב"ק) **"בשבעין עיטורין דעל גבי חמשין"** אז די צדיקים האבן דעם כח מהפך צו זיין פון א דין צו רחמים, ווי אזוי? **"בשבעין עיטורין"** מען באקרוינט דעם 'שבעין' דער אות ע' וואס איז זיבעציג, **"על גבי חמשין"** פארן נ' וואס איז פופציג, ווען מ'שטעלט דעם ע' פארן נ' ווערט פון **נגע ענג.**

דער הייליגער **חתם סופר** (בדרשות שבת החודש) טייטשט מיט דעם דעם פסוק (משלי י"ז כ"ד) **החכם עיניו בראשו**, דער חכם לייגט דעם ע' אנהויב ווארט, עס זאל זיין **ענג**, אבער (קהלת ב' י"א) **כסיל עיניו בקצה הארץ**, ער לייגט דעם ע' צום עק, בלייבט דאס **נגע.**

❀

**החדש הזה לכם:** במדרש לקיים מה שנאמר בי מלכים ימלוכו.

מען קען עס פארשטיין מיט דעם וואס דער **מהרי"ו בעל שם ז"ל** טייטשט וואס די מדרש ברענגט אויף די פסוק אין (תהלים קל"ט) **אך חשך ישופני ולילה אור בעדני**, אז יאשיהו המלך האט געזאגט אך חשך ישופנו טאמער וועט מיין מלוכה זיך אויפהערן, נאכדעם האט ער געזאגט ולילה אור בעדני אז דער וואס האט לעכטיג געמאכט פאר די אידן אין מצרים וועט מיר אויך לעכטיג מאכן, אבער איך זעה אז ביי מיין איינקל (צדקיהו) וועט זיך יא אפהאקן די מלוכה.

## מעשה רב

### אז ס'איז שפעט זאגט מען נישט!

**דער רבי בעל דברי יואל זי"ע** איז אמאל געווען אויף א ברית אין נייטרא ישוב, מאונט קיסקא, און ווען דער ברית האט זיך געענדיגט און מען האט זיך געוואשן צו די סעודה איז שוין געווען שפעט פארנאכטס.

ווען מען האט מכבד געווען דעם רבי'ן צו זאגן תורה, האט דער רבי נישט געוואלט זאגן קיין תורה, ווייל עס איז שוין געווען זייער שפעט, אבער מען האט דעם רבי'ן זייער מפציר געווען אז ער זאל יא זאגן תורה האט ער נישט געהאט קיין ברירה.

האט דער רבי אנגעהויבן צו זאגן די תורה אויפן מדרש **"וידם אהרן מאי הו"ל למימר וביום השמיני ימול בשר ערלתו"**, אויך איז דא א מסורה **"וידם אהרן וידם השמש"**.

האט דער רבי געזאגט ווי פאלגענד **"וידם אהרן**, אהרן הכהן האט שטיל געשוויגן, מאי הו"ל למימר, פארוואס האט ער דען געדארפט רעדן, **וביום השמיני ימול בשר ערלתו**, עס איז געווען א ברית און מען האט אים געבעטן צו זאגן תורה, נו, אויב אזוי דארף מען פארשטיין פארוואס טאקע האט ער שטיל געשוויגן און נישט געזאגט, אויף דעם זאגט די מסורה **וידם אהרן**, ווייסטו פארוואס אהרן האט געשוויגן, ווייל **וידם השמש**, עס איז שוין געווען שפעט און עס איז נישט געווען געאייגענט די צייט צו זאגן תורה"...

לכאורה איז שווער דריי זאכן, 1) פארוואס האט ער געמיינט אז די מלוכה וועט זיך ביי אים אפהאקן ער איז דאך געווען ערליך, 2) פארוואס האט ער פונקט געזאגט ווער עס האט געמאכט לעכטיג פאר די יודן אין מצרים, 3) פון ווי האט ער געוואוסט אז ביי זיין אייניקל וועט זיך יא אויפהערן די מלוכה.

נאר עס שטייט אין מדרש אז מלכות בית דוד איז צוגעגליכן צו די 'לבנה' פונקט ווי די 'לבנה' פארמערט זיך די ערשטע '15 טעג' אזוי אויך איז ביי די אידן אויך די ערשטע 15 דורות אויך געווארן גרעסער (אברהם, יצחק, יעקב, יהודה, פרץ, חצרון, רם, עמינדב, נחשון, שלמון, בועז, עובד, ישי, דוד, שלמה) און פונקט ווי די לבנה ווערט קלענער 15 טעג איז די מלוכה אויך געווארן קלענער און קלענער 15 דורות (רחבעם, אבי', אסא, יהושפט, יהורם, אחזיהו, יואש, אמציהו, עזיהו, יותם, אחז, חזקיהו, מנשה, אמון, יאשיהו, יהוקים, צדקיהו), אין די צייטן פון צדקיהו האט זיך די מלוכה אויפגעהערט.

עס איז אבער שווער עס איז דאך דא '17' ביז צדקיהו, ענטפערט מען אז די אידן זענען ציגעגליכן צו די לבנה וואס איז געווען אין די חודש וואס די יודן זענען ארויס געגאנגען פון מצרים, אין יענע חודש איז געווען צוויי טעג מער ווייל עס שטייט אז די נאכט פון יציאת מצרים און אין די נאכט פון שביעי של פסח איז געווען לעכטיג, במילא האט גענומען 17 טעג די לבנה זאל קלענער ווערן, און פון רחבעם ביז צדקיהו איז געווען 17 מלכים.

וועגן דעם האט יאשיהו געמיינט אז די מלוכה וועט זיך אויפהערן ביי אים ווייל ער איז געווען די 15'טע מלך, אבער נאכדעם האט ער געזאגט אז דער וואס האט געמאכט לעכטיג פאר די יודן אין מצרים וועט אים אויך העלפן, אבער ביי זיין אייניקל וועט זיך עס אויפהערן ווייל עס וועט זיין זיבעצען דורות.

יעצט פארשטייט מען שוין די מדרש **החדש הזה לכם לקיים מה שנאמר בי מלכים ימלוכו,** ווייל דורך דעם חודש וועט זיך האלטן לענגער די מלכות. (בני יששכר)

## בפרדס הפרשה

## שבת מברכים החודש

די וואך שבת וועט מען אי"ה בענטשן חודש ניסן, דער **ראש חדשים** ראשון הוא **לכם לחדשי השנה.**

דער מקור פון דאס ענין פון "**ברכת החודש**" ווערט געברענגט אין **מגן אברהם** (סי' ת"ז סק"א) אז שבת פאר ראש חודש בענטש מען דעם חודש, אויסער שבת פאר ר"ח תשרי בענטש מען נישט ווייל ביי ר"ה שטייט **בכסא ליום חגנו,** אז דער יו"ט איז פארהוילן. דער טעם דערפון איז אלס זכר למקדש, וואס בי"ד פלעגט מקדש זיין דעם חודש עפ"י עדים, דעריבער דארף מען שטיין ביי ברכת החודש אזוי ווי די עדות זענען געשטאנען ביים בי"ד.

מהאי טעמא זאגט דער **משמרת שלום** אז דער אב"ד זאל פארזאגן ברכת החודש, אזוי ווי ביים ביהמ"ק זאגט דער ראש בי"ד מקודש. אזוי אויך ווערט געברענגט אז מען זאל האלטן די ספר תורה אין די הענט בשעת ברכת החודש.

איידער מען בענטש דעם חודש רופט דער שמש אויס ווען עס איז דער מולד. דעם טעם שרייבט דער **שערי אפרים** אז וויבאלד דער עיקר נאמען חודש צייגט אויפן באנייאונג פון די לבנה, דעריבער דארף מען וויסן ווען די לבנה ווערט באנייט. דער **פרדס יוסף** (פר' בא) ברענגט א טעם כדי מען זאל קענען אויסרעכענען זיבן טעג פונעם מולד פאר קידוש לבנה.

עס זענען אבער דא מקומות ווי מען האט מקפיד געווען נישט אויסצורופן דעם זמן המולד, כדי די חיצונים זאלן זיך נישט קענען ארויפכאפן דערויף. ווי דער **אוהב ישראל** זי"ע טייטשט דעם פסוק (פר' בא) **החודש הזה לכם,** אז דער סוד פון די מולד הלבנה איז נאר פאר די אידן און נישט פאר די אומות העולם, אויך טייטשט ער דעם פסוק **אין אסתר מגדת את עמה ואת מולדתה** ווייל די לבנה אויף יוני"ש הייסט אסתהר, דאס איז פשט **אין אסתר מגדת את מולדתה** די לבנה זאגט נישט אויס ווען איר מולד איז, כדי די חיצונים זאלן נישט האבן קיין אחיזה דערין.

מען זאגט ביי **ברכת החודש** די תפלה פון "יהי רצון" וואס ווערט געברענגט אין די גמרא (ברכות דף ט"ז) אלס די תפלה וואס רב פלעגט שטענדיג מתפלל זיין.

דער **רש"ש** זאגט פשט אין די ווערטער **חיים שימלא ה' משאלות לבנו לטובה** ווייל דער **רמב"ם** זאגט אז מענטשן בעטן זאכן פון השי"ת זיי מיינען אז דאס וואס זיי בעטן איז פאר זייער טובה, דעריבער בעט מען השי"ת אז ער זאל ממלא זיין משאלות לבנו וואס איז באמת לטובה וואס השי"ת פארשטייט אז עס איז לטובה.

עס זענען דא **סידורים** אין וועלכע עס איז געדרוקט דער נוסח "**חיים שימלא וכו' בזכות תפילת רבים**" וואס די ווערטער שטייט נישט אין די גמרא. א דבר פלא שטייט אין ספר **מגיד תעלומה** פונעם **בני יששכר** זי"ע אז די ווערטער איז א טעות, ווייל אין איינע פון די סידורים איז געשטאנען צוגעצייכנט נעבן די תפלה די ווערטער "**ברכות תפלת רב**" מיינענדיג אז די תפלה איז רב'ס תפלה אין מס' ברכות, און דער דרוקער האט אויפגעטוישט דעם **ר'** מיטן **ז',** און געמאכט דערפון "**בזכות תפילת רב**" אין דאס אריינגעלייגט אינעם סידור. אבער אין ספר **דרכי חיים** ווערט געברענגט אז דער **צאנזער רב זי"ע** האט יא געזאגט די ווערטער, ווי אויך אין דברי תורה פון **מונקאטשער רב** זצ"ל (ח"ז אות ק"ז) פארענטפערט דעם פשט אין דעם נוסח.

דערנאך זאגט מען די תפילה פון **מי שעשה נסים לאבותינו.**

איידער מ'זאגט **יחדשהו** זאגט מען "**ראש חודש יהיה וכו'**" אז דער ציבור זאל וויסן ווען עס איז ראש חודש, דער **שערי אפרים** זאגט אז נאר דער ש"ץ דארף דאס זאגן, און ווער עס וויל קען מיטזאגן שטילערהייט, אבער דער **יסוד ושורש העבודה** זאגט אז יעדער דארף מיטזאגן די ווערטער מיטן ש"ץ.